תלמוד תורה יטב לב
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקדוה"ק זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
דרבינו יואל מסאטמאר

# נייעס באריכטן

מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כץ הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

כ"ב חשון תשע"ב | חיי שרה | גליון מס' 3

## שטארקע כוחות אריינגעלייגט אין די קינדער איבער די ענין פון גמילות חסדים וואס מ'לערנט ארויס פון די פרשה

לערנענדיג מיט די קינדער די מעשה ווי אזוי אליעזר איז געגאנגען זוכן א כלה פאר יצחק, און רבקה האט געגעבן צו טרינקען פאר אים און פאר די קעמלעך, האט אליעזר גלייך געזאגט, אז די מיידל רבקה איז פאסיג זי זאל זיין די כלה פון יצחק וויבאלד זי טוט חסד וואס איז אזא גרויסע מצוה.

דאס מידת החסד איז דער יסוד וואס אויף דעם שטייט די וועלט, ווי עס שטייט אין פסוק "עולם חסד יבנה" און דאס איז איינע פון די סימנים פון א איד, ווי חז"ל זאגן (יבמות עט.) שלשה סימנים יש בישראל רחמנים, ביישנים, און די דריטע איז "גומלי חסדים", דעריבער איז נישט קיין ווינדער פארוואס אליעזר האט אויסגעקליבן פונקט די מידה, ווען ער האט אריינגעמען די מאמע רבקה זאל זיין די מאמע פון כלל ישראל, אז זי זאל זיין אזא מיידל וואס טוט חסד.

מיר האבן זייער ברייט מסביר געווען פאר די קינדער וואס מיינט טוהן חסד און העלפן א צווייטן, און מיר האבן עס ספעציעל אראפגעשפילט מיט א שפיל אז דער רבי האט געשלעפט שווערע פעקלעך, און אלע קינדער זענען אים געקומען העלפן.

דערביי האמיר אויסגעפירט פאר די קינדער, די זעלבע זאך ווען מ'זעהט א מענטש שלעפט זיך פון מכולת א.ד.ג. מיט שווערע פעקלעך, דארף מען אים צוגיין פרעגן: "אפשר קען איך דיר העלפן", און אוודאי ווען מ'זעהט א טאטע אדער א מאמע ארבעטן שווער, דארף מען זיי לויפן העלפן, צוזאמנעמען די שפילערייען א.א.וו.

די קינדער האבן עס זייער שיין אויפגענומען, און עס איז צו האפן אז די עלטערן וועלן עס אויך זעהן אין שטוב ווי די קינדער וועלן א גאנצע צייט פראבירן וואס מער ארויס צו העלפן אין שטוב מיט וואס עס איז מעגליך.

## ספעציעלע האנט-ארבעט מעניני פרשת השבוע

אויך די וואך האבן מיר געמאכט מיט די קינדער א געצעלט וואס דאס איז געווען די געצעלט פון די מאמע שרה, וואו העכער'ן געצעהלט איז דא א וואלקן, אין אינעווייניג איז דא א טייג און ליכט, וואס די דריי זאכן איז געווען ביי שרה אמינו, אז א וואלקן איז געווען א גאנצע צייט העכער איר געצעלט, און עס איז אריין א ברכה אין די טייג, און די ליכט האבן געברענט פון איין שבת ביז די אנדערע שבת.

די דריי זאכן איז ארויף געקלעבט אויף די געצעלט מיט סקאָטש, און מיר האבן געוויזן פאר די קינדער אז ווען די מאמע שרה איז נפטר געווארן, איז אוועק געגאנגען אלע דריי זאכן - מיר האבן אראפ גענומען די סקאָטש - און שפעטער ווען מיר האבן פארציילט אז די מאמע רבקה איז געווארן די כלה פון יצחק און זי איז אריין געקומען צו די געצעלט פון שרה, האבן מיר צוריק געלייגט די סקאָטש, ווייל דעמאלטס איז צוריק געקומען די דריי זאכן.

אויך האבן מיר געמאכט מיט די קינדער "שטריימלעך" פון קליקס, און יעדער איז געווען א חתן מיט א שטריימל, אזוי ווי יצחק איז געווארן א חתן, און זיי האבן געזונגען מיט זיי די ניגון "עוד ישמע" אויף אידיש וואס מיר האבן אויסגעלערנט. די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פון דעם.

מיר האבן אויך געוויזן פאר די קינדער א קליינע "גמל", ווי אזוי עס איז אנגעלאדנט פיל מיט מתנות, וואס אליעזר האט מיטגענומען ווען ער איז געגאנגען זוכן א כלה פאר יצחק.

## בקשה נחוצה

ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל געבעטן, בעטן מיר נאכאמאל

**מ'זאל נישט שיקן מיט די קינדער קיין שירעמ'ס אין חדר**

**סיי ווייל עס צוברעכט זיך – און בעיקר ווייל עס איז א סכנה**

די קינדער וויסן שוין אז מיר לאזן נישט ברענגען קיין שירעמ'ס נאר עס פעלט די שיתוף פעולה פון די עלטערן

# מכתב מא' ההורים שיחיו

## אל כבוד המלמדים החשובים שיחיו

**כא'** ממאות הורי התלמידים אשר יודעים להעריך את השקעתכם המרובה בצעירי הצאן שיחיו, ומדי שבוע בשבוע אני עומד נבהל ומשתומם לראות את ידיעותיהם הנפלאות של בניי החשובים שיחיו ובלתי שום ספק שכל זה בא ע"י עבודה רבה מצידכם אשר אתם משקיעים בזה כל כוחכם, כה יתן ה' וכה יוסיף, להמשיך בעבודת הקודש ביתר שאת וביתר עוז ותשרה שכינה במעשה ידיכם לחנך צאצאינו ולהעלותם מעלה מעלה על במתי התורה והיראה.

**אך** אמרתי להוסיף על מה שבשבוע האחרונה שלחתם עם הילדים גליון בשם "נייעס באריכטן" כדי שידעו ההורים מהנעשה ונשמע בין כותלי הת"ת, חוץ מזה אשר הוא דבר חשוב לכשעצמו, עוד הוספתם שם מדור של "חינוך" אשר מאוד נהניתי ממנו ושתיתי בצמא את דבריכם, כל מילה זהב ממש.

**אך** אמרתי להוסיף קצת נופך משלי, בענין זה שכתבתם שם, והוא חובת ההורים לרדת לדרגתם של הילדים, ולשמוע מהם כל שיגם ושיחם בסבלנות מרובה, דבר אשר תורם רבות לעליית הילדים ברוחניות ובגשמיות, והן ידוע פתגם העולם על זה שכאשר האב רוצה להרים את בנו ולשאתו בידו הוא צריך להתכופף עד למטה ורק אז יוכל להרימו, הנה כי כן, אם רוצים שהבן יהיה למעלה צריכים מקודם לרדת מטה לדרגתו הקטנה של הילד וכך מרימו מעלה מעלה.

**משל** למה הדבר דומה, לפרדס גדול אשר הי' נטוע בעצים ואילנות מרובות מינים ממינים שונים, מיוחד הי' במינה שכל סוגי האילנות ה' נטועין בטוב טעם, עד שכל החוקרים והמומחים הגיעו לפרדס זו לתור ולחקור אחר כל שורש טוב וטבע של כל אילן ואילן, פע"א הגיע לשם חוקר גדול, ומיד בהכנסו עמד האיש משתאה מחריש לדעת למה עץ הארז גבוה מאוד משאר האילנות, ומאידך אינו מוציא פירות, ולעומת זה עץ התמר מוציא פירות משובחים, אבל אינו גבוה, ולא נח ולא שקט לדעת מה זה ועל מה זה.

**עבר** שם חכם אחד ואמר לו: השמע לאזנך מה שפיך מדבר, הרי התירוץ מונחת בקושייתך, ושאלתך חצי תשובה, שמכיון שהארז דואג לעצמו וכל כוחו וגידולו הוא מרכז בגובהו על כן אינו מוציא פירות, לא כן עץ התמר משקיע כל כוחו ואונו להוציא פירות והפירות יונקים ממנו ומוציאים את כוחו לכן מתמעט כח הצמיחה שלו.

**הנמשל** מבואר בשם הגאון בעל ההפלאה זי"ע שביאר בזה מאמה"כ (תהלים צב יג) צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה, ולכאורה למה נמשל הצדיק לשני סוגי עצים אלו דייקא, אלא בזמן שצדיק משפיע על זולתו, ומשקיע מכוחותיו ומזמנו לתלמידיו בכדי להוציא פירות, הוא נמשל לתמר הפורח ומוציא פירות.

**אכן** מפאת העובדה שכאשר האדם משקיע מכוחו לאחרים, היה צריך להיות שהוא יגרע על ידי כך מעצמו וישאר קטן כמו התמר שנגרע מכח צמיחתו העצמי בגלל הפירות שהוא מגדל, לכן מבטיחו הכתוב "כארז בלבנון ישגה" שה' יעזרהו שגם הוא עצמו יגדל וישגה כמו ארז בלבנון.

**ואסיים** מעין הפתיחה, בשיר והלל ערוכה, על כל פעולתכם הברוכה, בחינוך וגידול צאצאינו שיחיו כדת וכהלכה, ויה"ר שתזכו להמשיך ולהרבות בעבודת הקודש ברבי' והמשכה, יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים ככה, מתוך תענוג ונחת והרווחה, בלי קצבה והערכה, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא, ומלכינו מרן רבינו שליט"א בראשינו, במהרה בימינו, אמן.

**א.ב.ב.**

### תגובת המלמדים:

המכתב המלא תוכן חיזקה את ידינו, ויישר כוחכם. ואכן הוא הדבר אשר צריך להיות נר לרגלינו, להורים אשר חפצים בהצלחת ושגשוג ופריחת בניהם שיחיו, להקדיש מעת לעת זמן מה לשוחח עם הילדים על דא ועל הא, כל א' לפום דרגא דיליה, וכך בתוך הדברים יוכלו להשפיע הרבה עליהם להאיר להם יומם ולילה, ואז בוודאי יזכו לראות פרי ברכה בעמליהם אלו הבנים, לגדל פרי קודש הילולים נאמנים לה' ולתורתו.

